בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חיזוק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראש יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת שְׁלַח (באר"י קֹרַח)

260

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן אַ תִּיקוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית?.................................א

וְוִי אַזוֹי קֶען אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע פִירְן אַ שְׁטוּבּ רִיכְטִיג?................................ג

מַסֶכֶת יְבָמוֹת אִיז מִיר צוּ שְׁוֶוער, זִיךְ בַּאגְנוּגֶענֶען מִיט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער?............ו

דַארְף אִיךְ פַארְמִינֶערְן מַיין צְנִיעוּת, צוּפְרִידְן צוּ שְׁטֶעלְן מַיין מַאן?...............ט

וֶוען נֶעמְט מֶען אַרוֹיס קִינְדֶער פוּן חֵדֶר אָן בִּיטוּל תּוֹרָה?...............................׳

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אוֹיפְגֶעוַואקְסְן גֶעצֶערְטְלְט אוּן מֶען דַארְף אַלֶעס גְלַייךְ אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ..................א

אַכְטוּנְג גֶעבְּן וְוִי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין מִקְוֶה מִיט צְנִיעוּת ....................ג

עֶטְלִיכֶע הַדְרָכוֹת אוּן הַנְהָגוֹת פַאר אַ כַּלָה..........................................ד

אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואס הָאט גָארְנִישְׁט ................................................ה

נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַוֶועקְשִׁיקְן אַ קִינְד פוּן חֵדֶר.......................................ו

נִישְׁט טוּן קַיין זַייטִיגֶע זַאכְן אִין דִי צַייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵד...........................ז

זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְנַארְן פוּן פַאנְטַאזִירֶער.............................................ז

מֶען דַארְף בּוֹיעֶן נָאךְ דִירוֹת אִין שְׁטֶעטְל.............................................ח

דִי הַתְמָדַת הַתּוֹרָה פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל ..............................ט

אַלֶע גְלִיסְטֶענִישְׁן בַּאקוּמֶען מֶען דוּרְכ׳ן צַדִיק...........................................׳

אִיז גוּט פַאר אַ מֵיידְל צוּ פָארְן מִיט אַ בֵּייק מִיט צְוֵויי רֶעדְלֶעך?.................... יא

מִיט שִׂמְחָה וֶועט אִיר הָאבְּן אַ רְפוּאָה.............................................. יב

נָאר דֶער רֶבִּי הָאט דִי שְׁפְּרָאךְ און קֶען הֶעלְפְן.................................... יג

אִיךְ בֶּעט דִיר בְּרַחֲמִים, גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף דִי כַּשְׁרוּת פוּן דִי מוֹסְדוֹת אָפִּיס......... יד

אַזוֹי שֵׁיין אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוֹיף עֶנְגְלִישׁ ........................ יד

נִישְׁט רֶעדְן שְׁטוּתִים צוּ דִי קִינְדֶער, פוּן חֲלוֹמוֹת, דִמְיוֹנוֹת און חֶזְיוֹנוֹת ............ טו

אִיךְ הָאף דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ שׁוֹין גוּט ..................................................... טז

אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּם סִיוּם מַסֶכֶת יְבָמוֹת אִין שְׁטֶעטְל ............................. יז

גֵיין מִיט דִי צִיצִית פוּן אִינְדְרוֹיסְן .............................................................. יח

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְהַאקְן דַיין לֶערְנֶען ................................... יח

מִיר דַארְפְן נָאךְ אַ גַבָּאַי צוּ הֶעלְפְן מְסַדֵר זַיין דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ.................... יט

אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי צֶעקְלַאפְּטֶע מֵיידְלֶעךְ ................................................. כ

בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ, אֲפִילוּ וֶוען זִי דַארְף דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן ................. כ

נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען אַנְדֶערֶע זָאגְן מֶער תְּהִלִים........................... כא

דִי נֵייעֶ קָאנְטְרִי "אִילָן הַחַיִים"............................................................ כג

זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן .................................................. כד

אִיר מַאכְט אַ קִידוּשׁ הַשֵׁם פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה ........................................ כד

וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי קִינְדֶער?...................................... כה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן אַ תִּיקוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַ תִּיקוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת אִין וָואס אִיךְ בִּין לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז חַיָּיב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה, אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים. אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.**

**אָפְּגֶעֶרעדְט אַז מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס אִין לֶעבְּן (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רמ, סְעִיף יד): "זִקְנָה קוֹפֶצֶת עָלָיו, וְכֹחוֹ תָּשַׁשׁ" - מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן**

פַאַרְעֶלְטֶערְט, מֶען פַאַרְלִירְט דִי כֹּחוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ "עֵינָיו כֵּהוֹת, וְרֵיחַ רַע נוֹדֵף מִפִּיו", דִי אוֹיגְן וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, עֶס הוֹיבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן מוֹיל, "וְשַׂעַר רֹאשׁוֹ וְגַבּוֹת עֵינָיו וְרִיסֵי עֵינָיו נוֹשְׁרִים וְכוּ'", דִי הָאר פוּנֶעם קָאפּ פַאלְט אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", און עֶס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ וֵוייטָאג אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס דִי עֲבֵירָה בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ בְּגַשְׁמִיוּת, וֶוער רֶעדְט נָאךְ בְּרוּחָנִיוּת; מֶען פַאַרְמַאכְט אַלֶע טִירְן, אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַז דוּ ווִילְסְט פַאַרְעֶכְטְן דֶעם פְּגָם; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ פָאַרְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] און גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג און אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

צְוֵוייטְנְס, זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּיקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחְזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", אַ תִּיקּוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית, מֶען זָאל צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וְעַל כּוּלָּם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה. מֶען זָאל זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ גֵיין אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, און זִיךְ דָארְט אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, אַלֶעס וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען און אַלֶעס וָואס מֶען טוּט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה) דִי עֲבוֹדָה אִיז גָאר אַ הוֹיכֶע עֲבוֹדָה, דָאס בְּרֶענְגְט אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע לֵיידִיגֶע פְּלַאץ און גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין

גוט און ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, דֶערְצֵייל פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי דוּ פַּאלְסְט און דוּ בִּיסְט פּוֹגֵם בִּבְרִית, און בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר און דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַּאסִירְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זָאגְט: "אִיךְ ווִיל זַיין גוּט", "אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ", "אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִיק"; עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ ווִיל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין, וָואס זָאל אִיךְ טוּן, דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זִיךְ אַלְץ מִתְגַבֵּר אוֹיף מִיר און וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ אִין שְׁמוּץ"; עֶס וֶוערְט אַ רַעַשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּארְטְרַייבְּט אַלֶע מְקַטְרְגִים, מֶען מֶעקְט אוֹיס דִי עֲבֵירוֹת, מֶען הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי נְשָׁמָה און מֶען נֶעמְט אָן אִיר תְּשׁוּבָה.

ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פִירְט זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, וֶועט עֶר אַלֶעס פַּארְרֶעכְטְן.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע פִירְן אַ שְׁטוּבּ רִיכְטִיג?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע וויכְטִיגֶע שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט מִיר מַמָשׁ גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן. אָבֶּער וֶוען אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים ווִי אַזוֹי אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע דַארְף פִירְן אַ שְׁטוּבּ, עֶס הַאלְטְן רֵיין און מְסוּדָר - גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט; ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ הַאלְטְן סֵדֶר אִין שְׁטוּבּ - הַאלְט עֶס אָן נָאר פַאר אַפָּאר טֶעג און דֶערְנָאךְ פְלַאצְט עֶס; דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פָארְט אוֹיף רֶעדֶער און אִיךְ וֶוער זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אִיךְ הוֹיבּ אָן טְרַאכְטְן אַז פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְן און אִיךְ טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט; וָואס אִיךְ פְּרוּבִיר נָאר צוּ טוּן - הַאלְט נִישְׁט אָן מֶער ווִי פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעקֶערְט, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין פִּינְטְל יִשׁוּב הַדַעַת צוּ דִי קִינְדֶער, און אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פְּשׁוּט פוּן מַיין מַאן, אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט אַזַא אוּמְבַּאפָּארֶעטֶע פְרוֹי.

אִיךְ וֶועל זִיךְ שְׁטַארְק פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער ראש יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה און אַ תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ'**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אַרְבָּעָה צְרִיכִין חִזּוּק", אוֹיף פִיר זַאכְן דַארְף מֶען כְּסֵדֶר חִיזוּק, "וְאֵלוּ הֵן, תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", מֶען דַארְף חִיזוּק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה און צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן, "תְּפִלָּה וְדֶרֶךְ אֶרֶץ", און מֶען דַארְף חִיזוּק אוֹיף תְּפִלָּה און אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ; דֶרֶךְ אֶרֶץ מֵיינְט אַרְבֶּעט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, צוּם בֵּייִשְׁפִּיל, אַן אַרְבֶּעטֶער וָואס אַרְבֶּעט - דַארְף חִיזוּק צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן, אַ סוֹחֵר וָואס קוֹיפְט און פַארְקוֹיפְט סְחוֹרָה - דַארְף חִיזוּק צוּ קוֹיפְן און פַארְקוֹיפְן זַיינֶע סְחוֹרָה; אַזוֹי אוֹיךְ אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי, אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע - דַארְף חִיזוּק אָנְצוּגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

מֵיינְט נִישְׁט אַז נָאר אִיר דַארְפְט חִיזוּק; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה ווִי גְרוֹיס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען - הָאט אוֹיךְ גֶעוַוארְט אוֹיף חִיזוּק. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "שָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַן אֶמֶת'ן צַדִּיק וָואס הָאט גֶעזָאגְט (מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרַנַ"ש אַז דָאס אִיז דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס): "שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, יְהִיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה", אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעהַאט אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, וָואס זָאל אִים זָאגְן, "בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ", וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אָחִי", בְּרוּדֶער, "חֲזַק", שְׁטַארְק זִיךְ, "וֶאֱחֹז עַצְמְךָ", און דֶערְהַאלְט זִיךְ, "הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן אַסַאךְ מֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל", ווַייל אוֹיף אִים אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, "וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם", עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ ווִי קֵיינֶער דַארְף אִים

נִישְׁט, און קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם חִיזוּק װֶערְטֶער.

עֶס אִיז זֵייעֶר װיכְטִיג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיסְצוּהֶערְן שִׁיעוּרִים פוּן חִיזוּק, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף חִיזוּק; בִּפְרַט אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן - זֵיי דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק, װַייל זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי װֶעלְט. דִי װֶעלְט שְׁטֵייט אוֹיף אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, זֵיי זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס לִיגְט אוֹיף זֵיי דִי שְׁװֶערֶע אַרְבֶּעט פוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער און זֵיי אוֹיפְהָאדֶעװֶען, נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי װַייבּ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם", דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן דָאךְ אַזֶעלְכֶע שְׁװֶערֶע װֵייטָאג פוּן דִי קִינְדֶער, "צַעַר הָעִבּוּר, וְהַלֵּדָה, וְהַגִּדּוּל", זֵיי לַיידְן בַּיים װַוארְטְן וְכוּ׳, בַּיים גֶעבּוֹירְן וְכוּ׳ און בַּיים אוֹיפְצִיעֶן, "כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", אַזוֹי װִי עֶס אִיז בַּאקַאנְט פַאר אַלֶעמֶען זֵייעֶר שְׁװֶערֶע לֶעבְּן.

אוֹיבּ עֶס אִיז אַייךְ שְׁװֶער דִי אַרְבֶּעט - זָאלְט אִיר מַאכְן אַבִּיסְל, מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַלֶעס אוֹיף אֵיין מָאל, מֶען מַאכְט אַבִּיסְל דָא אַבִּיסְל דָארְט, מֶען בֶּעט דֶעם מַאן זָאל אַרוֹיסְהֶעלְפְן, בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם אִיז גְרִינְגֶער. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ד, ט): "טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד", עֶס אִיז בֶּעסֶער צְװֵיי אִינְאֵיינֶעם װִי אַלֵיינְס; אֵיינֶער אַלֵיינְס פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת, אִינְאֵיינֶעם מִיטְ׳ן מַאן - װֶעט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער.

בִּשְׁעַת אִיר מַאכְט דִי אַרְבֶּעט - זָאלְט אִיר רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט כֹּחַ, עֶס מַאכְט גְרִינְג. אֱמוּנָה גֶעבְּט כֹּחַ, אֱמוּנָה מַאכְט תְּחִיַּית הַמֵּתִים; אַזוֹי װִי מֶען נֶעמְט אַריין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין טְרָאפּ כֹּחַ, מֶען לִיגְט װִי אַ טוֹיטֶער, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן, װִי נָאר מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - װֶערְט מֶען לֶעבֶּעדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַסֶּכֶת יְבָמוֹת אִיז מִיר צוּ שְׁוֶוער, זִיךְ בַּאגְנוּגֶענֶען מִיט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶען לֶערְנְט יֶעצְט מַסֶּכֶת יְבָמוֹת אוֹיפְ'ן סֶדֶר הַשַּׁ"ס, עֶס אִיז מִיר אָבֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי גְמָרָא, דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע מַסֶּכְתּוֹת הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אָבֶער יֶעצְט לֶערְנְט מֶען אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע אוּן פְרֶעמְדֶע נוֹשְׂאִים, אוּן עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל זִיךְ בַּאגְנוּגֶענֶען מִיטְ'ן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן פַארְשְׁטֵיין בְּעֶרֶךְ הַאלְבְּוֶועגְס אַבִּיסֶל, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ יָא אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ פַארְשְׁטֵיין קְלָאר דִי גְמָרָא?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ דֶרֶךְ הַלִּימּוּד; אַ זִיסֶע וֶועג, אַ גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג - צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת, וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען בִּפְשִׁיטוּת וּבִזְרִיזוּת אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט. "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

יֶעצְט וֶוען מֶען לֶערְנְט מַסֶּכֶת יְבָמוֹת זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן דָאס לֶערְנֶען, נָאר וַוייטֶער לֶערְנֶען. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (שָׁם): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר', שֶׁנֶּאֱמַר 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוּינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

אַ שָׁאד אָפְּצוּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען וַוייל מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט; מֶען קֶען דָאךְ אַזוֹי מַצְלִיחַ זַיין דוּרְךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג, דוּרְךְ לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ', "אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְמָרָא מִיט אַלֶע פוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף אִיךְ פַארְמִינֶערְן מַיין צְנִיעוּת, צוּפְרִידְן צוּ שְׁטֶעלְן מַיין מַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק און שִׁיעוּרִים.

מַיין מַאן אַרְבֶּעט שְׁוֶוער פַאר פַּרְנָסָה אַ גַאנְצְן טָאג, און וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים ווִיל עֶר אִיךְ זָאל אִים אָפְּוַוארְטְן שֵׁיין אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט, אִיךְ זָאל גֵיין קוּרְץ און אָפְן בַּיי דִי הַאלְז און דָאס גְלַייכְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין.

פַאר מִיר אִיז אָבֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אַזוֹי אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז קֶעגְן מַיין חִינוּךְ ווִי אַזוֹי אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעווּאקְסְן, און אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

נָאךְ אַ זַאךְ, מִיר וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׂמְחָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, און מַיין מַאן ווִיל אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר אִינְגַאנְצְן, נָאר לָאזְן אַבִּיסְל מֶער בַּאוַואקְסְן. אִיךְ קוּם בָּרוּךְ הַשֵּׁם פוּן אַ גוּטֶע שְׁטוּבּ און עֶס אִיז מִיר גָאר שְׁוֶוער אִים דָאס נָאכְצוּגֶעבְן, אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ גֵיין און זִיךְ פִירְן נָאר צְנִיעוּת'דִיג, אָבֶער עֶר ווִיל אַנְדֶערְשׁ.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר בִּיטֶע עֶנְטְפֶערְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אַהֶער גֶעשְׁטֶעלְט און גֵיין קוּרְץ, אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן - דָאס אִיז צְוֵויי זַאכְן, דָאס הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת אֵיינְס צוּם צְוֵייטְן, דָאס אִיז הִימְל און עֶרְד; אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אַהֶער גֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִיר מַאן, זִי וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר אוֹיף דֶעם. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, קוּרְץ, אוֹיסְגֶעשְׁנִיטְן וְכוּ' - דָאס מַאכְט נִישְׁט צוּפְרִידְן און נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

הֶעלְפְט אַייעֶר מַאן, מַאכְט אִים גוּט, לֵייגְט צוּ קָאפּ און הַארְץ זִיךְ

אָנְצוּטוּן אַזוֹי וִוי אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי דַארְף גֵיין. אַז אִיר וֶועט זִיךְ מַאכְן שֵׁיין פַּאר אִים - וֶועט עֶר אַייךְ אָפְּלָאזְן, אַז אִיר וֶועט זַיין גְרֵייט פַּאר אִים - וֶועט אִים זַיין גְרִינְגֶער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, עֶר וֶועט קֶענֶען זַיין עֶרְלִיךְ.

עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ לֶערְנֶען מִיט כַּלּוֹת דָאס הֵיילִיגְקֵייט פוּן זַיין גְרֵייט פַּארְ'ן מַאן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ שֵׁיין מַאכְן פַּארְ'ן מַאן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (עֵירוּבִין ק:): "כָּל אִשָּׁה שֶׁתּוֹבַעַת בַּעֲלָהּ לִדְבַר מִצְוָה, הַוְיָין לָהּ בָּנִים שֶׁאֲפִילוּ בְּדוֹרוֹ שֶׁל מֹשֶׁה לֹא הָיוּ כְּמוֹתָן", אַ פְּרוֹי וָואס אִיז גְרֵייט פַּארְ'ן מַאן וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אַזוֹי הֵיילִיג אוּן אַזוֹי קְלוּג, וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי צַייטְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

אַ פְּרוֹי מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל קֶען הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, אַ זִיס לֶעבְּן; זִי וַוארְט אָפּ אִיר מַאן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מִיט אַ גוּט וָוארְט, זִי אִיז גְרֵייט פַּאר אִים וְכוּ', זִי טוּט זִיךְ אָן פַּאר אִים שֵׁיין - דֶעמָאלְט וֶועט עֶר נִישְׁט דַארְפְן דִי אַנְדֶערֶע זַאכְן.

בִּזְכוּת וָואס אִיר שֶׁערְט זִיךְ - וֶועט אִיר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וֶוען נֶעמְט מֶען אַרוֹיס קִינְדֶער פוּן חֵדֶר אָן בִּיטוּל תּוֹרָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער אַרוֹיסְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער פוּן חֵדֶר אָדֶער יְשִׁיבָה, צוּ גֵיין אוֹיף רוּחָנִיּוּת'דִיגֶע פְּלֶעצֶער.

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט פָאר אִיךְ קַיין צְפַת צוּ גֵיין מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים, אָדֶער צוּמָאל צוּ אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער צוּ נֶעמֶען חִיזּוּק, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קוּמְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן מַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיטְקוּמֶען מִיט מִיר, סְפֶּעצִיעֶל מַיין פוּפְצֶן יֶערִיגֶער בָּחוּר.

יֶעדֶעס מָאל בִּין אִיךְ זֵייעֶר מְסוּפָּק וָואס צוּ טוּן; אִיךְ ווייס אַז זֵיי הָאבְּן לִיבּ חֵדֶר אוּן

יְשִׁיבָה, זֵיי לֶערְנֶען פְלַייסִיג - וָואס אִיז דָאךְ בֶּאֱמֶת גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְתַלְמוּד תּוֹרָה כְּנֶגֶד כּוּלָּם", אִיךְ פִיל זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אַז אִיךְ זָאל זֵיי אַרוֹיסְנֶעמֶען אוּן שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען; אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען זַיין דָאס וֶועט זֵיי גֶעבְּן חִיזּוּק אוּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען זִיךְ נָאךְ מֶער שְׁטַארְקְן אִין לֶערְנֶען.

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט שְׁטְרֶענְגֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ אִין דִי צַייט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סֵדֶר הַלִּימוּד אִין יְשִׁיבָה, אֲפִילוּ דִי מֵיידְלֶעךְ הָאט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט פַארְפֶעלְן אַ סֵדֶר אִין שׁוּלֶע. אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט וָואס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז אִין דֶעם עִנְיָן, וָואס בַּארֶעכְטִיגְט דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ קִינְד פוּן חֵדֶר אָדֶער יְשִׁיבָה, אוּן וָואס נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**גֵיי אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג)**: "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", וֶוען מֶען אִיז מִתְפַּלֵּל בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּטְס אֲפִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט וֶוערְד.**

**גֵיין צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מִתְפַּלֵּל זַיין - אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטּוּל תּוֹרָה; פַּארְקֶערְט, עֶס וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין זֵיי אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ לֶערְנֶען. בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים וֶועלְן זֵיי וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן צַדִּיקִים.**

**מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - פְלֶעגְט מִיר נֶעמֶען אַלְס קִינְד צוּ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים. עֶר פְלֶעגְט גֵיין יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ קַיין קִרְיַת יוֹאֵל צוּם צִיּוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ פְלֶעג אַלְץ מִיטְגֵיין מִיט אִים, אוֹיךְ פְלֶעג אִיךְ מִיטְגֵיין מִיט אִים קַיין מִירוֹן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אוּן דָארְט אַרוּם פָאּרְן צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אִין צְפַת אוּן אִין טְבֶרְיָה.**

אוֹיךְ הָאב אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָארְן מִיט אִים קַיין פּוֹילְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן צוּ אַלֶע צַדִיקִים וָואס לִיגְן אִין פּוֹילְן. אוֹיךְ קַיין אוּקְרֵיינָא; עֶר הָאט מִיר גֶענוּמֶען אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, אוּן אוֹיף מֶעזִיבוּז צוּם צִיוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק, אוֹר שִׁבְעַת הַיָמִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מַיין זֵיידֶע הָאט נִישְׁט מְבַטֵל גֶעוֶוען קַיין אֵיין מִינוּט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, דָאךְ אִיז עֶר גֶעפָארְן כְּסֵדֶר צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים מִתְפַּלֵל זַיין אוּן פּוֹעֵלְ׳ן יְשׁוּעוֹת.

קֶענְסְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען צַייטְן וָואס עֶס אִיז פַּאסִיג פַאר קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט פֶעלְן פוּן חֵדֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אוֹיפְגֶעוַואקְסְן גֶעצֶערְטְלְט אוּן מֶען דַארְף אַלֶעס גְלַייךְ אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר מַאן וְכוּ׳; אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט אַלֶע יָארְן גֶעוֶוען אַ גֶעצֶערְטְלְט קִינְד, וָואס אִיר הָאט גֶעוָואלְט - הָאט מֶען אַייךְ נָאכְגֶעגֶעבְּן, אוּן יֶעצְט אִיז דָאס אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער; וֶוען אַייעֶר מַאן טוּט נִישְׁט גְלַייךְ וָואס אִיר ווִילְט, וֶוערְט אִיר בְּרוֹגֶז, אִיר הוֹיבְּט אָן זִיךְ אוֹיפְעֶסְן - בִּיז עֶס פְּלַאצְט אוֹיס; אִיר בֶּעט אַן עֵצָה.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְט אִיר ווִיסְן, וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אוּן מֶען בֶּעט הִילְף - אִיז מֶען שׁוֹין כִּמְעַט אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, דִי צָרָה אִיז וֶוען מֶען ווִיל נִישְׁט מוֹדֶה זַיין אַז מֶען הָאט אַ פֶּעלֶער, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט הִילְף; אִיר זָאגְט, הֶעלְפְט מִיר, אִיךְ בִּין גֶעצֶערְטְלְט, אִיךְ מֵיין אַלֶעס קוּמְט מִיר, אִיךְ טְשֶׁעפֶּע מַיין מַאן - דִי פְּרוּוּ אִיז שׁוֹין כִּמְעַט גֶעהָאלְפְן.

דִי עֵצָה אִיז תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ, זָאגְט אִים ווִי אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אִיר זֶענְט. וַוייל קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף גֶעצֶערְטְלְט וְכוּ׳, יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען - דִי זֶענֶען אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת, דִי קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְּן; זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט; מַיין מַאן אִיז נִישְׁט מַיין קְנֶעכְט, מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט מַיינֶע קְנֶעכְט, מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מַיינֶע קְנֶעכְט, אַלֶע זֶענֶען מִיר קְנֶעכְט פַאר דִיר בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ בִּין דַיין קְנֶעכְט; אִיךְ, מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן דִיךְ דִינֶען, מִיר זֶענֶען נָאר דַיינֶע קְנֶעכְט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף מַיין מַאן, אִיךְ זָאל אִים לִיבּ הָאבְּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ פוּן מִיר, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אִים בְּשָׁלוֹם אֲפִילוּ עֶר טוּט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ וִויל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען אִין אִים נָאר גוּטְס.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דִי נֶעגְל פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם; אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע פַארְבִּיסֶענֶע נַאטוּרְן, אִיךְ רֶעד מִיט הַאס צוּ אַנְדֶערֶע, בְּעִיקָר צוּ מַיין מַאן; אִיךְ שַׁאף אוֹיף אִים אַזוֹי וִוי מֶען שַׁאפְט אוֹיף אַ קְנֶעכְט: "טוּ מִיר", "מַאךְ מִיר", "אִיךְ הֵייס דִיר", "אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעזָאגְט טוֹיזְנְט מָאל", "דוּ הֶערְסְט נִישְׁט?" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, פַארְוָואס רֶעד אִיךְ אַזוֹי צוּ אִים? פַארְוָואס רֶעד אִיךְ נִישְׁט וֵוייךְ, שֵׁיין אוּן זִיס? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַ גוּטֶע פְרוֹי? וֶוען וֶועל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן? וֶוען וֶועל אִיךְ מְכַבֵּד זַיין מַיין מַאן? וָואס מֵיין אִיךְ אַז אִיךְ בִּין? וֶוער בִּין אִיךְ דֶען? אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַזוֹיפִיל וָואס צוּ פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי וַוייט פוּן זַיין גוּט!

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, גֶעבּ מִיר אֱמוּנָה; שַׁיין אַרַיין אִין מִיר דִי לִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז נָאר דוּ, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט - נָאר דוּ. מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער - אַלֶעס אִיז פוּן דִיר. אַז עֶס גֵייט מִיר וִוי אַזוֹי אִיךְ וִויל - אִיז דָאס פוּן דִיר, אוּן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ וִויל - אִיז דָאס וַוייטֶער פוּן דִיר, אוּן אַז עֶס אִיז אַלֶעס פוּן דִיר - אִיז דָאךְ אַלֶעס גוּט, אִיז נִישְׁטָא אוֹיף וָואס זִיךְ צוּ רֶעגְן".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; לֵייגְט צוּ אַייעֶרע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת - וֶועט אִיר מִיט דִי צַייט אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן אַייעֶר שְׁוֶוערֶע גָלוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין מִקְוֶה מִיט צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה וְכוּ'; אִיךְ נֶעם מַיינֶע קִינְדֶער מִיט מִיר עֶרֶב שַׁבָּת אִין מִקְוֶה. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶר פְלֶעגְט גֵיין מִיט זַיין טַאטֶע עֶרֶב שַׁבָּת אִין מִקְוֶה וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶועןְ גָאר יוּנְג. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט מִיךְ אוֹיךְ גֶענוּמֶען אִין מִקְוֶה פוּן גָאר יוּנְג.

עֶס אִיז זִיכֶער כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת, אַזוֹי וֶועסְטוּ זֵיי קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בִּקְדוּשָׁה וּבִצְנִיעוּת. זָאלְסְט זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ רֶעדְן אִין מִקְוֶה, זָאלְסְט זֵיי לֶערְנֶען זִיךְ צוּ פִירְן אֵיידֶל; זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט'ן פָּנִים צוּם וַואנְט, זִיךְ צוּדֶעקְן מִיטְ'ן הַאנְטוּךְ בִּיזְן מִקְוֶה, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע וְכוּ' וְכוּ'; נָאר מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ וֶועלְן זֵיי זִיךְ פִירְן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג.

אִיךְ גֵיי מִיט מַיינֶע קִינְדֶער עֶרֶב שַׁבָּת גָאר פְרִי; גְלַייךְ נָאךְ חֲצוֹת וֶוען דִי מִקְוֶה אִיז נָאךְ לֵיידִיג - דֶעמָאלְט אִיז גְרִינְג אִין אַלֶע וֶועגְן. אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין פְרִי - נֶעם אִיךְ זֵיי נִישְׁט יֶענֶע וָואךְ אִין מִקְוֶה; אִיךְ גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן אֵיידְל אוּן הֵיילִיג.

וֶוען אִיךְ פָאר שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, דָארְט הָאבּ אִיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם, דָארְט נֶעם אִיךְ נִישְׁט מַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה, וַוייל לְעֵת עַתָּה אִיז דָארְט דָא אַ קְלֵיינֶע מִקְוֶה, אוּן דָארְט זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס קוּקְן מִיךְ נָאךְ אוּן מַאכְן מִיךְ נָאךְ, זֵיי גֵייעֶן אַלֶע פְרִי אִין מִקְוֶה. דֶעמָאלְט נֶעם אִיךְ מַיינֶע קִינְדֶער אִין מִקְוֶה אִין שְׁטָאט אֵיידֶער אִיךְ פָאר אַרוֹיס; אִיךְ טוּ אַלֶעס זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן מִקְוֶה דַארְף מֶען וִויסְן אַז קִינְדֶער טָארְן נִישְׁט גֵיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה, אֲפִילוּ בָּחוּרִים טָארְן נִישְׁט זַיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה, עֶס דַארְף זַיין אַ מִקְוֶה אִיד וָואס קוּקְט זִיךְ אוּם עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין

שְׁלֶעכְטְס, וַוייל לֵיידֶער הַיינְט זֶענֶען דָא קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן וָואס לָאקֶערְן אוֹיף קִינְדֶער אוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין שְׁמִירָה אִין יֶעדֶע מִקְוֶה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶטְלִיכֶע הַדְרָכוֹת אוּן הַנְהָגוֹת פַאר אַ כַּלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ הֶכְשֵׁרִים וְכוּ׳; דִי צְוֵויי הֶכְשֵׁרִים וָואס אִיר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ עֶסְן - זֶענֶען גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים. בְּלַייבְּט שְׁטַארְק מִיט דֶעם גֶּדֶר, אוֹיךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה זָאלְט אִיר נָאר עֶסְן דִי הֶכְשֵׁרִים, בִּפְרַט בַּיי פְלֵייש. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן לז) אַלֶע צָרוֹת אוּן חִסָּרוֹן פַּרְנָסָה קוּמְט פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע שׁוֹחֲטִים; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ עֶסְן נָאר פוּן גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים.

בְּנוֹגֵעַ פַאסְטְן בְּיוֹם הַחֻפָּה, אִיר דַארְפְט טְרִינְקֶען אַבִּיסְל וַואסֶער בַּיים אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען דִי מֶעדֶעצִין; אַז מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט פָּחוֹת מִכְּשִׁעוּר - אִיז עֶס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, עֶס אִיז נָאכְאַלְץ גֶערֶעכְנְט ווִי מֶען פַאסְט.

בְּנוֹגֵעַ רֶעדְן מִיט דִי מַאן וְכוּ׳; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לָשׁוֹן הָרָע, סִימָן ז): "בְּנֵי אָדָם שֶׁאוֹהֲבִים זֶה אֶת זֶה", מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר נָאנְט אוּן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, "מֻתָּר לוֹמַר זֶה לָזֶה מֵאֵיזֶה דָבָר שֶׁשָּׁמַע מֵאֵיזֶה אָדָם", מֶעג אֵיינֶער זָאגְן פַאר דֶעם צְוֵוייטְן פוּן וֶועם מֶען הָאט גֶעהֶערְט, "גַּם חֲבֵרוֹ מֻתָּר לְקַבֵּל דְּבָרָיו", אוּן דֶער חַבֵר קֶען דָאס אָנְנֶעמֶען, "וְאֵין בּוֹ מִשּׁוּם לִשְׁנָא בִּישָׁא", עֶס אִיז נִישְׁטָא דָא קַיין לָשׁוֹן הָרָע.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין מִיט דִי קַמֵיעַ אוּנְטֶער דִי חוּפָּה וְכוּ׳; דֶער מִנְהָג אִיז אַז אוּנְטֶער דִי חוּפָּה הַאלְט מֶען נִישְׁט מִיט זִיךְ קַיין שׁוּם זַאךְ, מֶען נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע אִיבְּרִיגֶע זַאכְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; וָואס הָאט דָאס מִיט אַייךְ צוּ טוּן? מִישְׁט אַייךְ נִישְׁט אִין קֵיין שְׁאֵלוֹת וָואס הָאט מִיט גְרוֹיסֶע רַבָּנִים; אִיר זָאלְט נָאר גֵיין וְכוּ׳ וואוּ עֶס אִיז דָא אַ גוּטֶע הֶכְשֵׁר פוּן אַן עֶרְלִיכֶער רָב, יָא פִּילְטֶער נִישְׁט פִּילְטֶער - דָאס הָאט נִישְׁט מִיט אַייךְ צוּ טוּן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; אוּנְזֶערֶע לֶערֶערִינְס וָואס לֶערְנֶען מִיט כַּלּוֹת טוּעֶן דָאס נִישְׁט פַאר גֶעלְט, מוֹהֲרָא״ש הָאט אוּנְז גֶעוָוארְנְט בַּיים לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת נִישְׁט צוּ נֶעמֶען קֵיין גֶעלְט, אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן גֶעבְּן - וֶועלְן זֵיי נֶעמֶען, אָבֶער דָאס טוּעֶן מִיר נִישְׁט פַאר גֶעלְט.

גֵייט צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ שִׂמְחָה; אַייעֶרֶע לִיפְּן זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן שֶׁעפְּשֶׁען לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן תְּפִלָּה אוֹיף וַוייטֶער.

...

**אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואס הָאט גָארְנִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּנֶעם חוֹדֶשׁ אַ פֶּרֶק מִשְׁלֵי, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעטוּן, א׳ לַחֹדֶשׁ - פֶּרֶק א׳.

הַיינְט י״ג לַחֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט פֶּרֶק יג, זֶע אִיךְ מוֹרָא׳דִיגֶע וֶוערְטֶער.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, ז): ״יֵשׁ מִתְעַשֵּׁר״, עֶס אִיז פַארְהַאן אֵיינֶער מִיט אַסַאךְ גֶעלְט, אַן עוֹשֶׁר, ״וְאֵין כֹּל״, אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט, ״מִתְרוֹשֵׁשׁ״, ווִידֶער אִיז דָא אֵיינֶער וָואס אִיז פַארְאָרֶעמְט, ״וְהוֹן רָב״, אוּן עֶר הָאט אַ גְרוֹיס פַארְמֶעגְן.

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן קֶען מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, אוֹיךְ גֵייט עֶר דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אוּן עֶר כַאפְּט אַרַיין גוּטֶע זַאכְן, דֶער הָאט אַ ״הוֹן רָב״; קֶען זַיין אַז

גֶעלְט הָאט עֶר וֵויינִיג, עֶר זֶעט אוֹיס וִוי אַ "מִתְרוֹשֵׁשׁ", אָבֶּער בַּאלְד וֶוען מֶען וֶועט אַוֶועקְגֵיין מִזֶּה הָעוֹלָם, וֶועט עֶר בְּלַייבְּן מִיט אַ "הוֹן רָב".

וִוידֶער אִיז דָא אֵיינֶער וָואס זֶעט אוֹיס וִוי אַן עוֹשֶׁר, "יֵשׁ מִתְעַשֵּׁר", עֶר דְרֵייְדְט מִיט גֶעלְט, עֶס רַעשְ'ט זִיךְ מִיט אִים, אָבֶּער אַז מֶען עֶפְּנְט נִישְׁט קַיין סֵפֶר, מֶען גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען - הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, דֶעמָאלְט "וְאֵין כֹּל", הָאט עֶר גָארְנִישְׁט.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג זַיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דִי אֶמֶתְ'עֶ פַארְמֶעגְן וָואס מֶען הָאט, דֶער וֶועט אַוֶועקְגֵיין מִיט אַ הוֹן רָב, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

### נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַוֶועקְשִׁיקְן אַ קִינְד פוּן חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר מִיד, עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אָבֶּער אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט לֵייגְן שְׁלָאפְן אֵיידֶער אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר.

דֶער מְלַמֵּד ... שְׁרַייבְּט מִיר עֶר הָאט אַהֵיים גֶעשִׁיקְט אַ קִינְד פוּן חֵדֶר פַארְ'ן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה.

אִיךְ וֵויס נִישְׁט פוּן וֶועמֶען עֶר רֶעדְט אוּן וָואס דֶער קִינְד הָאט גֶערֶעדְט, אָבֶּער אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן אַז מֶען שִׁיקְט נִישְׁט אַהֵיים אַ קִינְד; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַהֵיים שִׁיקְן אַ קִינְד, אוֹיבּ אִיז דָא אַ פְּרָאבְּלֶעם דַארְף עֶר דָאס דוּרְךְ רֶעדְן מִיטְ'ן מְנַהֵל, אוּן דֶער מְנַהֵל אִיז מַחְלִיט מִיט דִי עֶלְטֶערְן וָואס צוּ טוּן.

וִוי עֶס זֶעט מִיר אוֹיס וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אַזוֹי פִּינְקְטְלִיךְ וְכוּ'; רֶעד צוּ אִים שֵׁיין, זָאג אִים נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַהֵיים שִׁיקְן אַ קִינְד. מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער זָאלְן רֶעדְן אֵיידְל, מֶען דַארְף טַאקֶע זַיין שְׁטְרֶענְג, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ נוּצְן דִי שְׁטְרֶענְגְקֵייט.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט דִיר מָארְגְן מֶער בַּאֲרִיכוּת.

...

## נִישְׁט טוּן קַיין זַייטִיגֶע זַאכְן אִין דִי צַייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ווילְיַאמְסְבּוּרְג

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן. נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווי לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל טְרָאגְט דֶעם נָאמֶען "מְלַמֵּד"; מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, בָּרוּךְ אַתָּה ה' הַמְלַמֵּד תּוֹרָה לְעַמּוֹ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ טוּסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם זַייטִיגֶע זַאכְן אִין דִי צַייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד. אַ חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה בַּיי אוּנְז, מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי מִיר נֶעכְטְן אוּן גֶעזָאגְט, זַייט דֶער מְלַמֵּד פוּן אוּנְזֶער זוּן, הַיֶּלֶד ... - הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶר זָאל נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם זַאךְ בִּשְׁעַתְ'ן זַיין מְלַמֵּד (זֵיי לֵיינֶען דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע בְּרִיוְון, זֵיי הָאבְן אַלֵיינְס אוֹיפְגֶעכַאפְּט וְכוּ'), זֶעעֶן זֵיי אַ גְרוֹיסֶע עֶנְדֶערוּנְג אִין זֵייעֶר קִינְד, דֶער קִינְד קוּמְט אַהֵיים אָנְגֶעפִילְט מִיט חַיוּת, מִיט אֱמוּנָה, תְּפִלָּה וְכוּ'.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ.

...

## זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְנַארְן פוּן פַאנְטַאזִיעֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי; תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס גֵייט דָא פָאר, אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא זָאל מֶען קֶענֶען פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ? אִיר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרוּנְקֶען פוּן דִי

אוּנְגַארִישֶׁע וַויין?! דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס) וֶוער עֶס הָאט טוֹעֶם גֶעוֶועןְ פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין - אִים קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְנַארְן.

וָואס דַארְפְט אִיר מֶער פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דִי וָואס זָאגְן אַייךְ אַז זֵיי רֶעדְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ צוּ מֶענְטְשְׁן וְכוּ' - דִי זֶענֶען פַאנְטַאזִירֶער, דִי וָואס רֶעדְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ צוּ נְשָׁמוֹת - דִי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ פַארְדְרֵייט.

וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט אַייךְ? וָואס דַארְפְט אִיר זוּכְן נֵייעֶ צֶעדְרֵייטֶע זַאכְן?! צִי דֶען הָאט אִיר גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרַא"שׁ אַזַא זַאךְ, רֶעדְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ צוּ נְשָׁמוֹת וְכוּ'? צַדִּיקִים וְכוּ'?! מִיר הָאבְּן דָאךְ דִי מַתָּנָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס מֶער דַארְפְט אִיר פוּן דֶעם? וָואס זוּכְט אִיר נֵייעֶ אָנְשִׁיקֶענִישְׁן?!

רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם זִיסְן טַאטְ'ן, רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים - וֶועט אִיר וֶוערְן פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעזוּנְט.

דָאס הָאט גָארְנִישְׁט מִיט אֱמוּנַת חֲכָמִים; אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן, אֱמוּנַת חֲכָמִים אִיז פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ מֶען הַאלְט אַז מֶען דַארְף זַיין צֶעבְּרָאכְן.

...

## מֶען דַארְף בּוֹיעֶן נָאךְ דִירוֹת אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ וֶועל דִיךְ טְרֶעפְן; אִיךְ דַארְף מִיט דִיר רֶעדְן וָואס צוּ טוּן בְּנוֹגֵעַ בּוֹיעֶן נָאךְ דִירוֹת. אִיךְ הָאבּ יֶעצְט אַ שֵׁיינֶע צָאל מִשְׁפָּחוֹת וָואס ווִילְן קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין דִירוֹת.

אִין אָנְהוֹיבּ הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף מִתְפַּלֵּל זַיין דִי בַּאאַמְטֶע זָאלְן גֶעבְּן רְשׁוּת צוּ בּוֹיעֶן, יֶעצְט וֶוען מִיר הָאבְּן גֶע'פּוֹעֵלְ'ט בַּיי זֵיי, מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען רְשׁוּת - דַארְפְן מִיר מִתְפַּלֵּל זַיין אַז עֶס זָאל שׁוֹין גֶעבּוֹיט וֶוערְן.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען דַארְף נָאר אַז זַאכְן זָאלְן זִיךְ אָנְהוֹיבְּן רוּקְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה.

אֵיידֶער דוּ נֶעמְסְט אָן נָאךְ דְזְשַׁאבְּס און אֵיידֶער דוּ עֶפְנְסְט נָאךְ בִּיזְנֶעס וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן צִי דָאס וֶועט גֵיין אוֹיפְ׳ן חֶשְׁבּוֹן פוּן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל, וַוייל דַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה אִיז נָאר דוּרְכְ׳ן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב; זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ מַשְׁקִיעַ זַיין אִינֶעם שְׁטֶעטְל.

אִיךְ הָאף דוּ הַאלְסְט נָאךְ אָן דַיין קַבָּלָה נִישְׁט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן אֵיידֶער דוּ לֶערְנְסְט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ וְסִפְרֵי רַבֵּינוּ.

...

## דִי הַתְמָדַת הַתּוֹרָה פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר

עֶס אִיז שוֹין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אִיךְ בִּין שוֹין אַבִּיסְל מִיד. הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, אָנְהוֹיבּ טָאג בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין קִרְיַת יוֹאֵל בַּאזוּכְן אוּנְזֶער חֵדֶר און סְקוּל, מְחַזֵק זַיין דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מְלַמְדִים און טִיטְשֶׁערְס. פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן צוּם שְׁטֶעטְל, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָארְט בַּאזוּכְן דִי חֵדֶר און סְקוּל, אוֹיךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּאזוּכְן דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן בֵּית הַדְפוּס וואו מֶען דְרוּקְט און מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט אַזוֹיפִיל חִיזוּק פַאר טוֹיזְנְטֶער און צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט שְׁפֶּעט, אַרוּם עֶלְף אַזֵייגֶער אִין הָאשְׁקִי שׁוּל; דָארְט הָאבּ אִיךְ בַּאגֶעגְנְט אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט בֵּייגֶעוואוֹינְט, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט און גֶעזֶען דִי הַתְמָדָה פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַזֶעלְכֶע קוֹלוֹת, מִיט אַ חַיוּת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מַפְסִיק גֶעוֶוען. דוּ וֵוייסְט דָאךְ וִוי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס וֶוען אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל, עֶס וֶוערְט יוֹם טוֹב אִין דֶער וָואכְן, אַלֶע קוּמֶען צוּ גֵיין, אַלֶעס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ; זֵיי הָאבְּן

זיך נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט פון מִיר, אִיךְ הָאבּ אַזוֹינְס הַנָאָה גֶעהַאט, אִיךְ בִּין אַרוֹיס פון הִתְפַּעֲלוּת.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דִי זַאךְ יֶעצְט בַּיינַאכְט מִידֶערְהֵייט, אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ פון צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה פַּאר אוּנְזֶער כּוֹלֵל. אִיךְ ווִיל הֶעכֶערְן דִי כּוֹלֵל גֶעהַאלְט, ווַייל מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין אַ צַייט וָואס אַלֶעס הֵייבְּט זִיךְ, דִי פְּרַייזְן הֵייבְּן זִיךְ; דַארְפְן מִיר אוֹיךְ הֵייבְּן דִי כּוֹלֵל גֶעהַאלְט.

אִיךְ שְׁלָאף שׁוֹין אַיין.

...

אַלֶע גְלִיסְטֶענִישְׁן בַּאקוּמֶען מֶען דוּרְכ'ן צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ אַ מִנְהָג צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּנֶעם חוֹדֶשׁ אַ קַאפִּיטְל מִשְׁלֵי; א' לַחֹדֶשׁ - קַאפִּיטְל א', ב' לַחֹדֶשׁ - קַאפִּיטְל ב' און אַזוֹי ווַייטֶער.

אִיךְ הָאבּ דָאס גֶענוּמֶען פון מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל פון מוֹהֲרַ"ש; אוֹיף לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פון מוֹהֲרַ"ש, דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דָאס צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ מִיר.

אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן וָואס אִיז מִיר נִתְחַדֵשׁ גֶעוָוארְן אַפָּאר טֶעג צוּרִיק. שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, יב): "תּוֹחֶלֶת", ווֶוען מֶען עֶרְוַוארְט עֶפֶּעס אַ זַאךְ פון אַ צְוֵייטְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען עֶרְוַוארְט אַ טוֹבָה פון אַ חַבֵר, "מְמֻשָּׁכָה", און עֶס צִיט זִיךְ, יֶענֶער טוּט דָאס נִישְׁט, "מַחֲלָה לֵב", וֶוערְט מֶען קְרַאנְק אוֹיפְ'ן הַארְץ.

"וְעֵץ חַיִּים תַּאֲוָה בָאָה", עֵץ חַיִּים דָאס אִיז דִי תּוֹרָה, ווֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען אִיז דָבוּק אִינֶעם עֵץ חַיִּים, אוֹיךְ אִיז עֵץ חַיִּים דֶער צַדִיק, ווֶוען מֶען אִיז דָבוּק אִינֶעם צַדִיק - "תַּאֲוָה בָאָה", הָאט מֶען אַלֶעס, אַלֶע גְלִיסְטֶענִישְׁן

וָואס מֶען גְלִיסְט - הָאט מֶען. וָוען מֶען טְרַאכְט דֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן, יֶעגֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן, חַאצְקֶל הָאט אַ יְשׁוּעָה פַאר מִיר, גְרוֹנָם הָאט הִילְף פַאר מִיר - וֶוערְט מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט, וֶוען מֶען זֶעט וִוי יֶעגֶער קֶען דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

ווארִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט זִיךְ אָן אִינֶעם צַדִיק, אִינֶעם עֵץ חַיִים וָואס לֶערְנְט מִיט אִים אֱמוּנָה, עֶר זָאל נָאר גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן אַלֶעס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט; דֶער וֶועט הָאבְּן אַלֶעס, "תַאֲוָה בָאָה", זַיינֶע גְלִיסְטֶענִישְׁן וֶועלְן קוּמֶען צוּ אִים, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

**אִיז גוּט פַאר אַ מֵיידְל צוּ פָארְן מִיט אַ בֵּייק מִיט צְוֵויי רֶעדְלֶעךְ?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט פַאר אַ מֵיידְל צוּ פָארְן מִיט אַ בֵּייק מִיט צְוֵויי רֶעדְלֶעךְ.

אִיר הָאט זֵייעֶר ווארִילֶע עֶלְטֶערְן, פְרֶעגְט זֵיי, אוּן וָואס זֵיי זָאגְן אַייךְ - אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן; אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן, אִיךְ וֶועל לָאזְן אַייעֶרֶע חָשׁוּבֶ'ע עֶלְטֶערְן אַייךְ מְחַנֵךְ זַיין.

(מַיינֶע טֶעכְטֶער, פוּן וֶוען זֵיי וֶוערְן שׁוֹין אַבִּיסְל גְרֶעסֶער, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶע בֶּעבִּילֶעךְ קוֹיף אִיךְ זֵיי אַ סְקוּטֶער, דָאס אִיז אֵיידְל פַאר מֵיידְלֶעךְ).

זֶעט צוּ זַיין חַבֶר'טֶעס מִיט דִי קִינְדֶער וָואס אַנְדֶערֶע קוּקְן זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף זֵיי, זֶעט צוּ הָאבְּן אַ לֵב בָּשָׂר, אוֹתִיוֹת בְּרֶסְלֶב (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלט), אַ וֵוייכֶע הַארְץ פַאר אַנְדֶערֶע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועט דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט זַיין בְּרֶסְלֶבֶּיר חֲסִידִים", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן אַלֶע

אִידְן זַיין בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לו, כו): "וַהֲסִרֹתִי אֶת לֵב הָאֶבֶן מִבְּשַׂרְכֶם", אִיךְ וֶועל אַוֶועקְנֶעמֶען דִי פַאְרשְׁטֵיינֶערְטֶע הֶערְצֶער, "וְנָתַתִּי לָכֶם לֵב בָּשָׂר", אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ לֵב בָּשָׂר, יֶעדֶער וֶועט פַארְגִינֶען אַ צְוֵוייטְן.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

...

## מִיט שִׂמְחָה וֶועט אִיר הָאבְּן אַ רְפוּאָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**דִי חָשׁוּבְ׳עֶ בֵּית פֵּיגָא תַּלְמִידָה ... תְּחִיֶ׳, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר ווִילְט אַ רְפוּאָה פַאר וְכוּ׳ – זָאלְט אִיר אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה; פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, זוּכְט אוּן טְרַאכְטְס פוּן דִי גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַייךְ. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד) מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט: "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן דָאס אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק, אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ; זָאלְט אִיר אַרְבֶּעטְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

טְרַאכְטְס גוּט, טְרַאכְטְס אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אַוֶועק גֵיין אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם, טְרַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי עֶר מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס.

הַאלְטְס זִיךְ פַארְנוּמֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן; הֶעלְפְט אַייעֶר מַאמֶע תְּחִיֶ׳, שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אַייעֶרֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

**נָאר דֶער רֶבִּי הָאט דִי שְׁפְּרַאךְ אוּן קֶען הֶעלְפְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים קיג.): ״שְׁלֹשָׁה מַכְרִיז עֲלֵיהֶן הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּכָל יוֹם וְכוּ׳״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל שְׁרֵייט אוֹיס יֶעדְן טָאג אוֹיף דִי בָּחוּרִים וָואס דֶערְהַאלְטְן זִיךְ; אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז אַ רַעַשׁ אוּן אַ טוּמְל, מֶען וואוּנְדֶערְט זִיךְ וִוי אַזוֹי בָּחוּרִים גֵייעֶן אָן, וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְטְן זֵיי זִיךְ?

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי דוּ הָאסְט דִי כֹּחוֹת צוּ זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק, דוּ בִּיסְט אַזוֹי עֶרְלִיךְ, דוּ רִירְסְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּן דַיין עֶרְלִיכְקֵייט; מִיט דַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, מִיט דִי פֵייעֶר וָואס פְלַאקֶערְט וְכוּ׳ וְכוּ׳ - בִּיסְטוּ פֶעלְזְן פֶעסְט מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵים זַיין גַאנְץ שַׁ״ס, דוּ דַאוֶונְסְט עֶרְלִיךְ, אוּן דַיינֶע מִידוֹת; וִוי דוּ רֶעדְסְט מִיט יֶעדְן בָּחוּר, יוּנְג אוּן אַלְט, קְלוּג, נַארִישׁ; מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאנֶעמְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אָחִי הַיָקָר, חֲזַק - שְׁטַארְק זִיךְ, וֶואֱמוֹץ עַצְמְךָ בְּכָל כֹּחֲךָ - דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ! דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ.

בִּיז דֶערְוַוייל אוּן אוֹיךְ נָאכְן טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט, דֶערְצֵייל אַלֶעס, אַלֶע דַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, דִיבּוּרִים אוּן מַעֲשִׂים, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין אַ צַדִיק אוּן וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; דָאס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע עוֹנְשִׁים, אַלֶע מְקַטְרִגִים וֶועלְן וֶוערְן בָּטֵל וּמְבוּטָל.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט הֲפָצָה, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה צוּ בְּנֵי הַנְעוּרִים; דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַבִּיסְל וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף בְּנֵי הַנְעוּרִים, וִוי זֵיי פַאלְן אִין

בְּלָאטֶע, ווי זֵיי טְרַאסְקֶענֶען אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, נָאר דֶער רֶבִּי קֶען זֵיי הֶעלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ זֵיי, דֶער רֶבִּי פַארְשְׁטֵייט זֵיי, דֶער רֶבִּי ווַייזְט זֵיי דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְלֵייג זִיךְ צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, תִּקּוּנֵי זוֹהַר אוּן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן. עֶס אִיז נִישְׁט עַל מְנָת שֶׁתַּעֲלֶה לָרָקִיעַ, מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט זִיךְ בַּארוּמֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט אִינְגֶעלַייט אִין יַבְנְאֵל וָואס לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ דִי דְרֵיי לִימוּדִים.

אוֹיךְ לֶערְן שַׁ״ס כְּסִדְרָן, זִיבְן בְּלַאט אַ טָאג, אַזוֹי וֶועסְטוּ עֶס מְסַיֵּים זַיין יֶעדֶע יָאר; רֶעכְן אוֹיס צוּ מַאכְן דֶעם סִיּוּם יֶעדֶע יָאר צוּ דַיין יוֹם הוּלֶּדֶת.

אוֹיךְ לֶערְן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן מֶדְרָשִׁים.

...

**אִיךְ בֶּעט דִיר בְּרַחֲמִים, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי כַּשְׁרוּת פוּן דִי מוֹסְדוֹת אָפִּיס**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

יֶעצְט הֶער אִיךְ פוּן אֵיינֶע פוּן דִי סֶעקְרִיטֶערִיס אַז דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס זֶענֶען נִישְׁט גֶעפִילְטֶערְט; אִיךְ צִיטֶער פַאר שְׁרֶעק וָואס גֵייט פָאר בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד.

אִיךְ בֶּעט דִיר בְּרַחֲמִים, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי כַּשְׁרוּת פוּן אָפִּיס; אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן פַאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען אִין אָפִּיס נָאר אוֹיבּ דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס זֶענֶען כָּשֵׁר.

...

**אַזוֹי שֵׁיין אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוֹיף עֶנְגְלִישׁ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ זֶען דִי שֵׁיינֶע סְפָרִים, דִי ״לִיכְט פוּן אֱמוּנָה״; דִי

שֵׁיינֶע שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת וָואס אִיר הָאט מְתַרְגֵּם גֶעוֶוען אִין דִי עֶנְגְלִישֶׁע שְׂפְּרַאךְ פַאר אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי אִידִישֶׁע שְׂפְּרַאךְ, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין אוֹיסְגֶעקוּמֶען.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ אַ מַתָּנָה חֵלֶק א׳ פוּן דִי "לִיכְט פוּן אֱמוּנָה".

אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אַייךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אִיר זָאלְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן נָאךְ אוּן נָאךְ חֲלָקִים.

וַוייל דִי אִינְגֶעלַייט וָואס גֵייעֶן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אִין עֶנְגְלִישׁ זָאגְן מִיר כְּסֵדֶר וִוי הוּנְגֶערִיג מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַאר דִי סְפָרִים; מֶען בַּאפַאלְט זֵיי, מֶען בֶּעט זֵיי נָאךְ אַ קוּנְטְרֵס, נָאךְ אַ חֵלֶק.

אוֹיךְ דֶער מֵפִיץ הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי נָתָן נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר, דִי עֶנְגְלִישֶׁע בְּרִיוּו פוּן דִי לִיכְט פוּן אֱמוּנָה אִיז אַזוֹי פּוּנְקְטְלִיךְ מְתוּרְגָם, עֶס רִירְט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק קַיין רִיר פוּן דִי אִידִישֶׁע בְּרִיוּו, אוּן עֶס אִיז הֶערְלִיךְ, צִיעֶנְדִיג, מִיט אַ רַייכֶע עֶנְגְלִישׁ גֶעשְׁרִיבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן נַחַת פוּן דִי שֵׁיינֶע גָארְטְן, ... נֵרוֹ יָאִיר, ... תִּחְיֶ׳, ... תִּחְיֶ׳, ... נֵרוֹ יָאִיר אוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, אִינְאֵיינֶעם מִיט אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**נִישְׁט רֶעדְן שְׁטוּתִים צוּ דִי קִינְדֶער, פוּן חֲלוֹמוֹת, דִמְיוֹנוֹת אוּן חֶזְיוֹנוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ דַאנְק אַייךְ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר אוּנְזֶער סְקוּל בֵּית פֵּיגָא, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער מִיט אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער קֶען מֶען רֶעדְן וִויכְטִיגֶע זַאכְן, אוּן מֶען קֶען רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן צוּמָאל מַאכְן שָׁאדְן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נָאר צוּ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת, אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אַז מֶען רֶעדְט עֶרְלִיךְ אוּן גוּט, בִּפְרַט וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל זַיין מִיט שֵׂכֶל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רנָּה): "כְּשֶׁהָאָדָם הוּא מַאֲמִין בְּהַצַּדִּיק בְּלִי שׁוּם דַּעַת", וֶוען מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם צַדִּיק אָן שֵׂכֶל, "אֶפְשָׁר לוֹ לִפֹּל מֵהָאֱמוּנָה, כִּי מֵאֱמוּנָה לְבַד אֶפְשָׁר לִפֹּל", קֶען מֶען אַרָאפְּפַאלְן פוּן דֶעם, "אֲבָל אִם יֵשׁ לוֹ גַּם דַּעַת, שֶׁמֵּבִין גַּם בְּהַדַּעַת", אָבֶּער אוֹיבּ גֵייט עֶס מִיט שֵׂכֶל, דֶעמָאלְט "אֲזַי אִי אֶפְשָׁר לוֹ לִפֹּל", קֶען מֶען נִישְׁט פַאלְן.

מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן אִין סְקוּל שְׁטוּתִים צוּ דִי קִינְדֶער, פוּן חֲלוֹמוֹת, דִמְיוֹנוֹת אוּן חֶזְיוֹנוֹת; אִין סְקוּל זָאל מֶען רֶעדְן פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן פוּן גוּטֶע מִידוֹת.

עֶפֶּעס אַ נֵייעֶ צֶעדְרֵייטֶע וִוינְט הָאט זִיךְ אַרֵיינְגֶעכַאפְּט אִין אוּנְזֶער קְהִילָה אוּן עֶס בְּלָאזְט אִין דִי רִיכְטוּנְג פוּן דִי סְקוּל. אִין חֶדֶר אוּן אִין יְשִׁיבָה בְּלָאזְט נִישְׁט דִי וִוינְט, נָאר אִין סְקוּל; הֶעלְפְט מִיר אַרוֹיסְטְרַייבְּן דִי וִוינְט.

...

### אִיךְ הָאף דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ שׁוֹין גוּט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מָאנְטָאג אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר. דַיין מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען, דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט יֶענֶעם טָאג, אִיךְ הָאף דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ שׁוֹין גוּט.

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זָאלְסְט לֶערְנֶען גְמָרָא מִיט מִשְׁנַיוֹת.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן מַגִיד שִׁיעוּר ר' ... נֵרוֹ יָאִיר. עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג פָאר אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ דֶעם דַף גְמָרָא פַאר קִינְדֶער און בָּחוּרִים, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט מִיטְהַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער זָאלְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר דַיינֶע חָשׁוּבְ'עֶ עֶלְטֶערְן.

...

### אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּם סִיוּם מַסֶכֶת יְבָמוֹת אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט דִיר צוּ זֶען אִין שְׁטֶעטְל אִין חֵדֶר, אִיךְ הָאבּ הַנָאָה צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרוּסְן פוּן דַיין מְלַמֵד, דוּ מַאכְסְט מִיר אַסַאךְ נַחַת.

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵק זַיין דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא בְּכָל יוֹם מִיטְ'ן מַגִיד שִׁיעוּר הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר.

גֶעדֶענְקְסְט אַוַודַאי דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם ווִינְטֶער בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ עֶנְק צוּ אַ סִיוּם, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ זֶען ווִי אִיר לֶערְנְט מֵרְצוֹנְכֶם הַטוֹב אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט - דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא.

זָאג פַארְ'ן מַגִיד שִׁיעוּר אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּם סִיוּם מַסֶכֶת יְבָמוֹת, אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי קִינְדֶער און בָּחוּרִים וָואס הַאלְטְן מִיט דֶעם לִימוּד וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ שֵׁיינֶעם סִיוּם. אִיךְ הָאף עֶס וֶועט זַיין דַיינֶע אַלֶע חֲבֵרִים, זָאג זֵיי אַלֶע אַז דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ און דָאס אִיז מַיין נַחַת, צוּ זֶען ווִי אִיר לֶערְנְט און דַאוֶונְט און פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

...

## גֵיין מִיט דִי צִיצִית פוּן אִינְדְרוֹיסְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּלַייבּ מִיט דַיין חֲסִידִי'שֶׁע לְבוּשׁ, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ דִי וָואס טוּעֶן זִיךְ אוֹיס דִי צִיצִית פוּנְדְרוֹיסְן.

מֵילָא דִי וָואס אַרְבֶּעטְן מִיט אַרְבֶּעט וָואס מַאכְט שְׁמוּצִיג; בּוֹיעֶן וְכוּ' - זֵיי ווִילְן נִישְׁט שְׁמוּצִיג מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, אָדֶער עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶערַייסְן - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט אַ גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, דוּ וֶועְרסְט נִישְׁט שְׁמוּצִיג אוּן עֶס צֶערַייסְט זִיךְ נִישְׁט - פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן מִיט דִי צִיצִית?

צִיצִית דֶערְמַאנְט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת א, י) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר טו, לט): "וּרְאִיתֶם אֹתוֹ", דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי צִיצִית זֶעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; צִיצִית אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דַיינֶע חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער.

דוּ הָאסְט אַ מַתָּנָה אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג:): "אִשָּׁה טוֹבָה מַתָּנָה טוֹבָה לְבַעֲלָהּ", אַ גוּטֶע פְרוֹי אִיז אַ מַתָּנָה פַארְ'ן מַאן; דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע פְרוֹי, אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, זִי הָאט לִיבּ חֲסִידִישְׁקֵייט, זִי וֶועט דִיר הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן שְׁטָאלְץ מִיט דַיין צִיצִית אוּן קַאפְּל, בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת; לָאז דִי אַנְדֶערֶע וָואס שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט דִי צִיצִית זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט דֶעם וָואס זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ.

...

## אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְהַאקְן דַיין לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער זוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם מָאנְטָאג אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאבּ

אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין כּוֹלֵל צוּ זֶען וִוי מֶען לֶערְנְט. אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט גֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְהַאקְן דַיין לֶערְנֶען; אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען און גֶעקוּקְט וִוי אִיר לֶערְנְט מִיט אַזַא הַתְמָדָה, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר'ן דַיָין הָרַב ר' יוֹנָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט גֶעבְּן פַאר אִים שָׁלוֹם און רֶעדְן מִיט אִים, אָבֶּער עֶנְקֶער הַתְמָדָה הָאט מִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט דָאס טוּן.

אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַאר מַאמִי תִּחְיֶ' פוּן דַיין לֶערְנֶען; אִיר פָּנִים הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, זִי זָאגְט מִיר: "יֶעצְט הָאבּ אִיךְ פְרִישֶׁע כֹּחוֹת וַוייטֶער צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער; וֶוען אִיךְ הֶער אַז מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען און פִירְן זִיךְ עֶרְלִיךְ - גֶעבְּט דָאס מִיר כֹּחַ".

אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ קוּמֶען זוּמֶער אִין שְׁטֶעטְל; אִיךְ דַארְף נָאךְ אַסַאךְ הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן גוּט און גְרִינְג.

...

**מִיר דַארְפְן נָאךְ אַ גַבַּאי צוּ הֶעלְפְן מְסַדֵר זַיין דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרַט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ בִּיז גָאר צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס אַז דוּ קוּמְסְט אַרְבֶּעטְן פַאר אוּנְזֶער קֶרֶן הַדְפָּסָה, דוּ גֵייסְט הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן "אָן לֵיין" דִי זִיסֶע עֵצוֹת, דִי וַוארֶעמֶע חִיזוּקִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר מְכַבֵּד זַיין מִיטְ'ן זַיין גַבַּאי אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ מְקוֹר הַשִּׂמְחָה. יֶעדֶע שׁוּל דַארְף הָאבְּן לְכָל הַפָּחוֹת צְוֵויי גַבָּאִים, מִיר הָאבְּן שׁוֹין ר' ... נֵרוֹ יָאִיר, מִיר דַארְפְן נָאךְ אַ גַבַּאי צוּ הֶעלְפְן מְסַדֵר זַיין דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, טְרָאגְן דִי אַחְרָיוּת פוּנֶעם שׁוּל, מְכַבֵּד זַיין דִי גֶעסְט, אַיינְטֵיילְן עֲלִיּוֹת פַאר אַלֶע מִתְפַּלְלִים און אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין אוּנְטֶער הַשְׁגָחָה.

אַגַב, הַגְּבָהָה אִיז נִישְׁט קַיין כִּיבּוּד; בַּיי אוּנְז אִיז דָא אֵיינֶער אָדֶער צְוֵויי וָואס נָאר זֵיי גֵייעֶן הַגְבָּה. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן, נִישְׁט צוּצוּשִׁיקְן אַבִּי וֶועם צוּ גֵיין הַגְבָּה.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי צֶעקְלַאפְּטֶע מֵיידְלֶעךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

דִי מְנַהֶלֶת הָאט מִיר הַיינְט גֶעזָאגְט אַז אִיר זֶענְט זֵייעֶר אַ גוּטֶע טִיטְשֶׁער, אִיר לֵייגְט אַרַיין אַייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ אִין דִי קִינְדֶער. זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט בִּפְּרָטֵי פְּרָטִיּוּת וִוי אִיר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי צֶעקְלַאפְּטֶע מֵיידְלֶעךְ, וִוי לְמָשָׁל ...., ...., וָואס זֵיי זוּכְן נִישְׁט גוּטֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, זֵיי מַאכְן זִיךְ נַארִישׁ.

אִיר גֶעבְּט אַזוֹי אַכְטוּנְג אוֹיף זֵיי; אַ צְוֵוייטֶער וָואלְט זֵיי שׁוֹין גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט צוּם אָפִיס אוּן זֵיי נָאכְמֶער צֶעקְלַאפְּט, אִיר מִיט אַייעֶר בִּינָה יְתֵירָה פַארְשְׁטֵייט אַז זֵיי זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט חוּצְפָּה'דִיג, זֵיי זֶענֶען נָאר צֶעקְלַאפְּט, אַזוֹי בּוֹיט אִיר זֵיי אוֹיף.

אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז מִיר הָאבְּן אַזֶעלְכֶע אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע טִיטְשֶׁערְס וִוי אַייךְ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ זִיכֶער בַּאצָאלְן, אִיר וֶועט זֶען נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

...

## בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ, אֲפִילוּ וֶוען זִי דַארְף דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעמַאכְט צַייט פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ; אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְנוּמֶען, אֲפִילוּ מֶען זֶעט דָאס נִישְׁט אָן, אִיךְ לוֹיף

נִישְׁט אַהֶער און אַהִין, עֶס זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אִיךְ הָאבּ צַייט, אַלֶעס גֵייט מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט, אָבֶער גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט; דָאךְ וֶועל אִיךְ מַאכְן צַייט פַאר דִיר, וַוייל אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בֵּייג זִיךְ אַיין דַיין קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי דָאס מְבַטֵּל זַיין אַרְבֶּעט, וָואס מֶען טוּט. דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "פַארְמַאךְ דִי אוֹיגְן, פַארְמַאךְ דָאס מוֹיל, טְרַאכְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער"; עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר הָאט גֶעטוּן אַלֶעס און עֶר וֶועט אַלֶעס טוּן. מַיין וַוייבּ, מַיינֶע קִינְדֶער, מַיין פַּרְנָסָה, מַיין לֶעבְּן - אַלֶעס אִיז עֶר, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט נֶעמֶען אַלֵיין; דֶעמָאלְט וֶוערְט אַלֶעס גוּט, אַלֶעס פַאלְט אִין פְּלַאץ.

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ, אֲפִילוּ זִי דַארְף דִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, זַיי דוּ קְלוּג, וֶועסְטוּ לֶעבְּן אַ חַיִּים מְאֻשָּׁרִים.

...

**נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען אַנְדֶערֶע זָאגְן מֶער תְּהִלִּים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

דִי חָשׁוּבֶ'עֶ בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים, אִיר הָאט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען אַזוֹיפִיל מָאל תְּהִלִּים; בִּזְכוּת דִי תְּהִלִּים וֶועט אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר בֶּעטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ פוּן אַ צְוֵוייטְן, זַייט נִישְׁט מְקַנֵּא דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים מֶער מָאל וִוי אַייךְ.

אֵיינֶער זָאגְט מֶער תְּהִלִּים, אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט טַאקֶע וֵוייניגֶער תְּהִלִּים

אָבֶער הָאט אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען אִיז מֶער פוּן אַנְדֶערֶע; מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַנְדֶערֶע טוּעֶן מֶער אוּן זָאגְן מֶער תְּהִלִּים וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער תַּם פְלֶעגְט זָאגְן פַּאר זַיין וַוייבּ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט', פוּנֶעם חָכָם וְתַּם): "וָואס הָאט דָאס צוּטוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה"; עֶר פְלֶעגְט קוּקְן אוֹיף זִיךְ, אוֹיף זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן זִיךְ מְִיט דֶעם מְחַיֶּה זַיין, עֶר פְלֶעגְט נֶעמֶען זַיינֶע שִׁיךְ וָואס הָאט גֶעהַאט אַ פָּנִים מִיט דְרֵיי עֶקְן, עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען: "אַזַא שֵׁיינֶע ווּאוּילֶע זִיסֶע צוּקֶערְדִיגֶע הָאנִיגְדִיגֶע שִׁיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט".

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע לִימוּד פַאר'ן לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוּן זָאגְט אוּנְז: "קוּק נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעם", "קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט מִיט יֶענֶעם"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אֵיינֶעם. מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס זָאגְן: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ, יָא, מִיךְ לִיבּ! אֲפִילוּ אוּן אֲפִילוּ אוּן אֲפִילוּ, מִיט אַלֶע אֲפִילוּ'ס הָאט מִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ".

גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶוערְט מֶען זִיכֶער מִיט זִיךְ, מֶען בַּאקוּמְט זִיכֶערְקֵייט, מֶען וֶוערְט זֶעלְבְּסְטְשְׁטֶענְדִיג, מֶען אִיז מֶער קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא.

יֶעצְט פָּארְט מֶען אִין קֶעמְפּ, מֶען דַארְף זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט אַנְדֶערֶע. בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז דָא אִין דִי בָּאנְק אַ מֵיידְל וָואס אִיז קַאלְט, דַארְף מֶען זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט אִיר, אֲפִילוּ אַנְדֶערֶע שְׁרֵייעֶן: "עֶס אִיז הֵייס!" מֶען דַארְף זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט וֶוער עֶס אִיז קַאלְט. אָדֶער קֶען מֶען לֵייגְן דִי מֵיידְל וָואס אִיז קַאלְט אִין דִי זַייט פוּן שְׁטוּבּ וואוּ עֶס בְּלָאזְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק דִי עֶירְקָאנְדִישְׁן.

...

### דִי נֵייעֶ קָאנְטְרִי "אִילָן הַחַיִּים"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ עֶנְדִיגְן דָאס קוֹיפְן דִי קָאנְטְרִי יֶעצְט מַמָּשׁ.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ רוּפְן דִי נֵייעֶ קָאנְטְרִי מִיטְ'ן נָאמֶען "אִילָן הַחַיִּים", מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ סֵפֶר מִיטְ'ן נָאמֶען אִילָן הַחַיִּים. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אִינֶעם סֵפֶר דִי הִשְׁתַּלְשְׁלוּת ווִי אַזוֹי עֶס אִיז אַרִיבֶּער דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ פוּן אֵיין תַּלְמִיד צוּם צְוֵוייטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן, רֶבִּי נָתָן הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַּאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, עֶר פַּאר זַיין זוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן, אוּן נָאכְדֶעם פַּאר הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק; דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן 'אִילָ"ן', אַ בּוֹים פוּן לֶעבְּן.

דָאס אִיז פַּאסִיג פַּאר אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר קָאנְטְרִי, וָואס מֶען זִיצְט אוּנְטֶער דִי בֵּיימֶער אוּן מֶען לֶעבְּט. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ד): "כְּשֶׁתִּסְעוּ וְיִשְׁאֲלוּ אֶתְכֶם מַה פְּעַלְתֶּם תֹּאמְרוּ 'רוּחַ'", מֶען וֶועט עֶנְק פְרֶעגְן וָואס הָאט אִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען בַּיי מִיר, זָאלְט אִיר זָאגְן 'רוּחַ חַיִּים', לוּפְט צוּם לֶעבְּן.

גֶעבּ אִיבֶּער פַּאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס קוּמֶען אַז בַּיי אוּנְז אִין קָאנְטְרִי קֶען מֶען נָאר שְׁווִימֶען בִּצְנִיעוּת, מִיט אַ שְׁווִים קְלֵייד, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן פַאר טֵייעֶר - קְלֵיידֶער פַאר דִי קִינְדֶער. בַּיי אוּנְז קוּקְט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף דִי וָואס גֶעבְּן אוֹיס גֶעלְט פַאר קְלֵיידֶער, אַ שָׁאד צוּ אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי זַאכְן.

אִיךְ בִּין דִיר מְמַנֶּה אַלְס דֶער גַבַּאי פוּן דִי קָאנְטְרִי.

...

**זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן, הֱיוֹת מִיר מַאכְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אַ קָאמְפֵּיין פַּאר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - הֶעלְף מִיר; גֵיי נָאךְ גֶעלְט, נֶעם צוּזַאמֶען גֶעלְט פוּן דַיינֶע חֲבֵרִים, מִשְׁפָּחָה, בַּאקַאנְטֶע, שְׁכֵנִים אוּן פוּן וֶועם דוּ קֶענְסְט נָאר. אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן הַיינְטִיגֶע טֶעג הֲנָאָה פוּן רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְּקוּת, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אַזוֹיפִיל שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מְחַזֵּק יֶעדְן אֵיינֶעם.

אִיךְ בֶּעט דִיר, הֶעלְף אַרוֹיס אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת. גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוּנְז, אַזֶעלְכֶע הַארְץ רַייסְנְדֶע וֶוערְטֶער, ווִי דֶער רֶבִּי בֶּעט אוּנְז אִינֶעם מִכְתָּב גֶעשְׂרִיבְן פַּאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ (מִכְתְּבֵי רַבֵּנוּ ז"ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב א): "דֶערְמַאנְט אַייךְ אִיטְלִיכֶער וואו אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעפוּנֶען"; אוֹי, דִי פָּאר וֶוערְטֶער שְׁטֶעכְט אַרַיין טִיף אִין אַלֶע אֵיבָרִים, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ 'ווִי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעקוּקְט אָנֶעם רֶבִּי'ן?' 'ווִי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ אוֹיסְגֶעקוּקְט?' דַארְפְן מִיר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן.

אִיךְ בֶּעט נִישְׁט דַיין גֶעלְט, אִיךְ וִויל נִישְׁט דַיין גֶעלְט, אוּן אִיךְ וָוארְן דִיר אוֹיבּ דוּ גֵייסְט בָּארְגְן גֶעלְט פוּן קְרֶעדִיט קַארְדְס צוּ גֶעבְּן פַּאר'ן קָאמְפֵּיין; בְּרֶענְג צְדָקָה, נֶעם צוּזַאם צְדָקָה, רוּף דַיינֶע בַּאקַאנְטֶע, מַאךְ נִישְׁט פוֹילֶע זַאכְן, סְטֶעטוּ"ס אוּן שׂוֹין; הֵייבּ אוֹיף אַ טֶעלֶעפָאן, בֶּעט צְדָקָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיר מַאכְט אַ קִידּוּשׁ הַשֵּׁם פַּאר אוּנְזֶער קְהִילָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ פָּארְפָאלְק, מִשְׁפַּחַת ... פוּן ...; דִי פְרוֹי זָאגְט,

זַיי זֶענֶען גֶעוֶוען יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִין שְׁטֶעטְל, הָאט זִי זִיךְ בַּאקֶענְט מִיט אַייךְ, יֶעצְט ווילְן זַיי קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל. זִי זָאגְט, עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע נָארְמַאלֶע מֶענְטְשְׁן אִין שְׁטֶעטְל ווִי אַייךְ - ווִיל זִי קוּמֶען דָא וואוֹינֶען.

אִיר מַאכְט אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם פַאר אוּנְזֶער קְהִילָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי קִינְדֶער?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיר פְרֶעגְט מִיר וָואס צוּ טוּן, אוֹיבּ אִיר זָאלְט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַייעֶר קִינְד פוּן בֵּית פֵּיגָא, ווַייל מַאמֶעס פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן אַייךְ אַז אַייעֶר טָאכְטֶער אִיז נִישְׁט וואוֹיל אִין סְקוּל, אוּן אִיר ווֵייסְט פוּן גָארְנִישְׁט, קֵיינֶער רוּפְט אַייךְ נִישְׁט פוּן סְקוּל, ווִילְט אִיר ווִיסְן וָואס צוּ טוּן.

אִיךְ וָואלְט אַייךְ גֶערָאטְן אַ בֶּעסֶערֶע עֵצָה, אֶפְשָׁר זָאלְט אִיר מֶער נִישְׁט רֶעדְן אוּן אוֹיסְהֶערְן דִי פְרוֹיעֶן וָואס קוּמֶען אַייךְ מְצַעֵר זַיין, אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס פְלֶעגְט אִים כְּסֵדֶר בְּרֶענְגֶען לָשׁוֹן הָרָע, דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער ... רַב רֶעדְט קֶעגְן אִים, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״דֶער ... רַב אִיז נִישְׁט מַיין מִתְנַגֵּד, דוּ בִּיסְט מַיין מִתְנַגֵּד, דוּ מַאכְסְט מִיר מְשׁוּגָע, דוּ דֶערְצֵיילְסְט מִיר זַאכְן וָואס אִיךְ דַארְף נִישְׁט הֶערְן״.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּיי אַייעֶר פַאל, אִיר שִׁיקְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער אִין אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת, מִיר הָאבְּן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע לֶערֶערִינְס, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דִי מְנַהֶלֶת; וואוּ אִיז דָא אַזַא מְנַהֶלֶת וָואס יֶעדֶע קִינְד אִיז בַּיי אִיר ווִי אַן אֵייגְן קִינְד.

מֶען גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט אַייעֶר קִינְד ווִי דִי טַייעֶרְסְטֶע זַאךְ, אוּן אַז זַאכְן פַּאסִירְן אוּן דִי מְנַהֶלֶת פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער נִישְׁט אִיבֶּערְצוּזָאגְן פַאר

דִי עֶלְטֶערְן, עֶס וֶועט נָאר קַאלְיֶע מַאכְן, אִיז וָואס דַארְפְט אִיר אוֹיסְהֶערְן פְּרוּוּעֶן וָואס הָאבְּן אִיבְּרִיגֶע מָאס רֵייד, וָואס וֵוייסְן נִישְׁט וֶוען צוּ רֶעדְן אוּן וֶוען צוּ שְׁוַוייגְן ? !

אִיר זֶענְט דִי מַאמֶע, אִיר הָאט דִי רֶעכְט צוּ מַאכְן מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער וִוי אַזוֹי אִיר פַארְשְׁטֵייט ; אַז אִיר ווִילְט אַרוֹיסְנֶעמֶען קֶען אִיךְ אַייךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, אָבֶּער אִיךְ קֶען אַייךְ זָאגְן זֵייעֶר קְלָאר, מִיר טוּעֶן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, פַאר אַלֶע, פוּן אַרוֹיף בִּיז אַרָאפּ, אִינְגְלֶעךְ מֵיידְלֶעךְ - דָאס בֶּעסְטֶע, מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי זֵייעֶר אַסַאךְ כֹּחוֹת.

צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ נִישְׁט, צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט ; אִיר זֶענְט אַ גוּטֶע מַאמֶע אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר טֵייעֶר, אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער פָאלְגְן אַייךְ נִישְׁט - אִיז גָארְנִישְׁט, מַיינֶע קִינְדֶער ווִילְן אוֹיךְ טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, אוּן אִיךְ דַארְף זֵיי מְחַנֵךְ זַיין, זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט מַיין וַוייבּ, מִיט דֶעם וֵוייס אִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטֶע קִינְדֶער.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט : "מֶען דַארְף אַוֶועקְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער פוּן מִיר" ; אַלֶע מַאמֶעס טְרַאכְטְן אַמָאל אַזוֹי 'אֶפְשָׁר דַארְף מֶען אַוֶועקְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער ?'

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ נִישְׁט ; אִיר זֶענְט אַ גוּטֶע מַאמֶע אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, גֶעבְּט זֵיי גוּטֶע וֶוערְטֶער, בּוֹיט זֵיי אוֹיף.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן צְוֵויי יָאר צוּרִיק אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג, אִיךְ שִׁיק אַייךְ אִיבֶּער נָאכְאַמָאל דִי אַלְטֶע בְּרִיו, זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה :

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז הַיינְט זָאל אִיךְ נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער. הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן מִיךְ פָאלְגְן גְלַייךְ וֶוען אִיךְ בֶּעט זֵיי, מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הֶערְן וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי אוּן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שְׁפַּארְן מִיט מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין מַאן אוּן צוּ

מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען און אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵיי מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט גְלַייךְ וֶוען אִיךְ זָאג זֵיי עֶפֶּעס צוּ טוּן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז: 'קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער'; אִיךְ זָאל זֵיי לִיבּ הָאבְּן און אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן און גֶערֶעגְט אוֹיבּ זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט.

אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, אַלֶע מַיינֶע דִיבּוּרִים און אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג און פוּן אַלֶע מַיינֶע טֶעג. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין גוּט-מוּטִיג, וַוייל וֶוען אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אִיז מַיין מַאן פְרֵיילִיךְ, און אַז אִיךְ און מַיין מַאן זֶענֶען פְרֵיילִיךְ וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין רוּאִיג און צוּפְרִידְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר און הֶעלְף מַיין מַאן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, און מְגַדֵל זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער צוּ תּוֹרָה און צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט און אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט - נָאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דֶער וֶועלְט, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן נָאר טוּן דַיין וִוילְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט און גְרִינְגֶערְהֵייט; מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס און זֵיי זָאלְן הָאבְּן נָאר עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים".

...